פֿערלאַג „די וועלט“, ווילנאַ.

מ. ר — ס.

# אויף וואָס פֶערְבּרויכְט די רֶעגִירונג דָאס גֶעלְד פון פָאלק?

М. Р—съ.

На что расходуетъ государство народныя деньги?

1906

Печатано въ Тип. „Вдова и бр. Роммъ" Вильна, уголъ
Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1/2.

Набрано въ Тип. Баскинда Вильна, Завальная ул. д. Троцкаго.

1906.

# אויף וואָס פערבּרויכט די רעגירונג דאָס געלד פון פאָלק?

## I. אויף וואָס ווערט פערבּרויכט דאָס פאָלקס=געלד בּיי אונז און אין אַנדערע לענדער?

1) לויט דעם רייסטער פון די מלוכה=הוצאות אויף דעם 1906-טען יאָהר שטעהט פאָר אויסצוגעבּען דיזען יאָהר העכער צוויי מיט אַ האַלבּ מיליאַרד, — גענויער: 2,510,972,775 רובּל, וועלכע ווערען איינגעטיילט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

| | |
|---|---|
| 1. אויף צו דעקען מלוכה=הובות | 334,729,871 |
| 2. אויף די העכערע מלוכה=איינריכטונגען | 5,545,656 |
| 3. אויף די פערוואַלטונג פון היילינגען סינאָד | 29,126,155 |
| 4. אויף דאָס קייזערליכע הויף=מיניסטעריום | 16,359,595 |
| 5. אויף דאָס מיניסטעריום פון אויסערן | 5,905,279 |
| 6. אויף דאָס קריעגס=מיניסטעריום | 374,855,969 |
| 7. אויף דאָס פלאָט=מיניסטעריום | 104,079,406 |
| 8. אויף דאָס פינאַנץ=מיניסטעריום | 342,614,374 |
| 9. אויף דאָס מיניסטעריום פון האַנדעל און אינדוסטריע | 37,642,177 |
| 10. אויף דאָס מיניסטעריום פון אינערן | 131,228,849 |
| 11. אויף די הויפט=פערוואַלטונג פון ערד=ענינים און אַקערבּוי | 36,025,054 |
| 12. אויף דאָס בּילדונגס=מיניסטעריום | 44,121,888 |
| 13. אויף דאָס פערקעהרס=מיניסטעריום | 477,717,020 |
| 14. אויף דאָס יוסטיץ=מיניסטעריום | 52,060,870 |
| 15. אויף דעם מלוכה=קאָנטראָל | 9,224,910 |
| 16. אויף די הויפט=פערוו. פון מלוכה פערד=צוכט | 1,839,477 |
| סך=הכל קומט אויס אויף די געוועהנליכע הוצאות | 2,003,076,550 |
| 17. אויף דעם פאַל, אַז ס'וועט זיך העכערען דער פרייז אויף פוראַזש און פראָוויאַנט | 5,000,000 |

18. אויף עקסטרא־הוצאות, וואס זענען אין רייסטער ניט פאראויסגעזעהען 10,000,000

19. אויף הוצאות, וואס זענען פערבונדען מיט דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה 405,375,775

20. אויף דורכפיהרען נייע אייזענבאהן 42,365,250

21. אויף הילף דער בעפעלקערונג, וואס האט געליטען פון אונגערעטעניש 30,000,000

22. אויף שטיצע פאר די נאפט־פראדוקציאן 15,000,000

23. אויף שטיצע פאר די פריוואטע אייזענב.־געזעל. 155,200

סך־הכל אויסערגעוועהנליכע הוצאות 507,896,225

געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע צוזאמען 2,510,972,775

2) דיזע איינטיילונג פון די הוצאות לויט די מיניסטעריומס און פערוואלטונגען, וועלכע איז אנגענומען אין אונזער ביודזשעט־רייסטער און אין די בעריכטען פון מלוכה־קאנטראל, גיט ניט קיין ריכטיגען בילד פון דעם, אויף וואסערע בעדערפניסען ס'געהען אוועק די געלד־מיטלען פון דער מלוכה־קאסע, ווייל אין די רייסטערס פון פערשיעדענע איינריכטונגען און מיניסטעריומס געפינען זיך איינארטיגע הוצאות. צום ביישפיעל די צאהלונגען אויף צו דעקען די הלואות זענען אריינגעטראגען אויך אין אנדערע רובריקעס אויסער דעם 1־טען רובריק; אזוי אויך געפינען זיך די הוצאות אויף פאלקס־בילדונג כמעט אין אלע הוצאות־אבטיילונגען. ווייטער, אין די הוצאות אויף דאס קריעגס־מיניסטעריום געהען אריין פערשיעדענע הוצאות, וואס האבען קיין שום צוזאמענהאנג ניט מיט דעם אויסהאלטען די ארמעע; צו דער זעלבער צייט געפינען מיר אין איניגע הוצאות־אבטיילונגען פון די ציוויל־איינריכטונגען די הוצאות אויף ריין מיליטערישע בעדערפניסען. כדי מען זאל קענען בעקומען א מעהר אדער וועניגער ריכטיגע פארשטעלונג וועגען דער איינטיילונג פון די מלוכה־הוצאות לויט די וויכטיגסטע בעדערפניסען, דארף מען פארנעהמען זעהר א קאמפליצירטע און פערפלאנטערטע אויספארשונג.

קאשקאראוו האט אין זיין אויספארשונג „דער פינאנציעלער סך־הכל פון די לעצטע צעהן יאהר" פארגענומען אזא ארבייט, זאגאר ניט גאר געניגענד בנוגע צו דעם פעריאד פון 1892 ביז 1901 יאהרען. אזוי ווי די געוועהנליכע הוצאות האבען זיך פון 1901 יאהר זעהר וועניג אומגעענדערט, קען מען האלטען די אויפגעגעבענע ציפער פון דעם דאזיגען יאהר אויך גילטיג פאר די איצטיגע צייט. לויט די אויסרעכענונגען פון קאשקאראוו איז אויף דער ארמעע פער־

װערדט געװאָרען 35 % פֿון דער גאַנצער סומע געװעהנליכע הוצאות, אויף פֿאָלקס־בילדונג — 6 %, אויף די פֿינאַנץ־פֿערװאַלטונג — 5 %, אויף די אַלגעמיינע פֿערװאַלטונג און אויף פּאָליציי — 4 %, אויף **פּענסיעס**, שטיצע און אַרענדעס — 4 %, אויף פּאָסט, טעלעגראַפֿען און טעלע־פֿאָנען — 3 %, אויף פֿערקעהרס־מיטלען — 3 %, אויף יוסטיץ — 3 %, אויף רעליגיעזע בעדערפֿניסען — 1½ %, אויף הוצאות פֿון קייזערליכען הויף, אויף פֿאָלקס־געזונדהייט, אויף טורמעס און די אַרעסט־היזער, אויף דעם מלוכה־קאָנטראָל, אויף די פֿערװאַלטונג איבער די מלוכה־אינדוסטריע און אויף אויסװערטיגע אויפֿטראַגען — צו ½ %.

3) קאַשקאַראָװ'ס איינטהיילונג, װאָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, האָט אויך איהרע פֿעהלערען: אין זיין רעכענונג װעגען דער איינטהיילונג פֿון די געװעהנליכע הוצאות געהען ניט אַריין די הוצאות אויף מלוכה־חובות, אויף מלוכה־אייזענבאַהנען און אויף די בראַנפֿען־מאָנאָפּאָל. ריכטיגער װעט זיין, װען מיר װעלען צוטהיילען די הוצאות לויט דער אַרט בעדערפֿניסען, װעלכע װערען דורך זיי בעפֿריעדיגט. די מלוכה־הוצאות פֿון יאָהר 1897 קענען מיר צוטהיילען אויפֿ'ן פֿאָל־גענדען אופֿן.

| | די סומע הוצאות אין טויזענד ר. | דער פּראָצענט פֿערהעלטניס צו דער אלגעמיינער סומע הוצאות. |
|---|---|---|
| 1. די בעשיצונג פֿון לאַנד | 365,236 | 28,1 % |
| 2. צאָהלונגען אויף חובות | 258,558 | 19,9 % |
| 3. די אינערליכע פֿערװאַלטונג | 70,016 | 5,4 % |
| 4. די פֿינאַנץ־פֿערװ. און דער קאָנטראָל | 158,554 | 12,2 % |
| 5. די פֿערקעהרס־מיטלען, פּאָסט און טעל. | 264,198 | 20,3 % |
| 6. די פֿערװ. איבער די מלוכה־פֿערמעגענס, שטיצע דער לאַנד־װירט. און אינדוסטריע | 40,888 | 3,1 % |
| 7. די פֿאָלקס־בילדונג | 45,546 | 3,6 % |
| 8. רעליגיעזע פֿערװאַלטונג | 15,171 | 1,1 % |
| 9. דער געריכט און די טורמעס | 41,343 | 3,1 % |
| 10. פּענסיעס, שטיצע און אַרענדעס | 40,123 | 3,1 % |

אַניערך אַ העלפֿט פֿון בּיודזשעט (48 %) װערט פֿער־װענדעט אויף דאָס היל, דעם פֿלאָט און די מלוכה־חובות, אַניערך אַ פֿיערטעל טייל (23,4 %) אויף די פֿערקעהרס־

מיטלען, מעהר ווי א פינפטעל (20%) אויף פערוואַל־טונג, פענסיעס, שטיצע און אַרענדעס, און נאָר אַנ־ערך אַ דרײַצעהנטעל געהט אויף „יוסטיץ“, רעליגי־עזע בעדערפניסען און פאָלקס־בילדונג.

4) אויב מען זאָל איינטיילען די געװעהנליכע הוצאות פון דעם 1906־טען יאָהר, גרופּירענדיג זיי אויף דעם אויבען אָנגעוויזענעם אופן, װעט זיך בעקומען די פאָלגענדע טאַבעלע:

| | די סומע הוצאות אין מיליאָנען ר. | דער פּראָצענט־פערהעלטניס צו דער אַלגעמיינער סומע הוצאות. |
|---|---|---|
| אויף אַרמעע און דעם פלאָט | 478,8 | 23,9 % |
| אויף צאָהלונגען אויף די הובות | 334,7 | 16,7 % |
| אויף מלוכה־פערוואַלטונג | 158,9 | 7,8 % |
| אויף פינאַנץ־פערוו. און דעם קאָנטראָל | 351,8 | 17,4 % |
| אויף פערקעהרס־מיטלען | 477,7 | 23,7 % |
| אויף יוסטיץ | 52,0 | 2,6 % |
| אויף פאָלקס־בילדונג | 44,1 | 2,2 % |
| אויף שטיצע דעם האַנדעל, אינדוסטריע, לאַנד־װירטשאַפט און פערד־צוכט | 75,4 | 3,7 % |
| די רעליגיעזע פערוואַלטונג | 29,1 | 1,4 % |

אויך אין דעם 1906 יאָהר װערט פערװענדעט כמעט אַ העלפט פון דעם ביודזשעט (48,4 %) אויף די אַרמעע, דעם פלאָט, די מלוכה־הובות און די מלוכה־פערוואַל־טונג. פיער צעהנטעל פון ביודזשעט (41,1 %) נעהט אַהעק אויף פינאַנץ־פערוואַלטונג, אויף פערקעהרס־מיטלען און דעם מלוכה־קאָנ־טראָל און נור איין צעהנטעל (10,9 %) נעהט אויף „יוסטיץ“, „ביל־דונג“ און „רעגיליעזע בעדערפניסען“ פון פאָלק, שטיצע דעם האַנדעל, אינדוסטריע און אַז. וו.

5) די פאָלגענדע טאַבעלע, אין װעלכער ס'זענען אויסגערעכענט די הוצאות אויף יעדען נעגענשטאַנד בעזונדער אין יאָהר 1899־1900 לויט דעם פּראָצענט־פערהעלטניס צו דעם גאַנצען הוצאות־ביודזשעט גיט אונז די מעגליכקייט צו פערגלייכען דעם הוצאות־ביודזשעט פון רוסלאַנד מיט די ביודזשעטען פון אַנדערע קולטורעלע לענדער.

| | פריסען. | עסטרייך. | איטאליען. | פראנקרייך. | ענגלאנד. | רוסלאנד. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. דיִ אַלגעמיינע מלוכה-פערוואַלטונג | 7,78 | 8,82 | 6,72 | 7,24 | 3,16 | 10,56 |
| 2. מלוכה-חובות | 11,— | 18— | 26,62 | 23,74 | 16,94 | 29,54 |
| 3. דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום | 31,46 | 20,98 | 10,21 | 7,15 | 7,17 | 5,65 |
| 4. דיִ בעשיצונג פון דער מלוכה | 12,40 | 12,31 | 15,78 | 17,50 | 19,27 | 25,44 |
| 5. דיִ אינערליכע זיכערהייט | 9,85 | 7,13 | 7,84 | 5,30 | 15,19 | 6,86 |
| 6. בילדונג און וויסענשאַפט | 10,14 | 5,96 | 4,11 | 9,63 | 5,95 | 3,80 |
| 7. פערקעהרס-מיטלען | 5,02 | 3,81 | 8,62 | 9,10 | 4,92 | 2,07 |
| 8. אינדוס. אונטערנעהמונגען | 1,75 | 3,44 | 0,68 | 1,26 | 1,03 | 1,90 |
| 9. פערשידענע ציעלען און רע-ליגיעזע בעדערפניסען | 10,42 | 19,55 | 19,37 | 21,98 | 26,37 | 14,18 |

אויף מיליטאַריזם, מלוכה-חובות, מלוכה-פערוואַלטונג און אויף דאָס אויפמאָנען דיִ שטייערן, דאָס הייסט אויף דיִ בעדערפניסען פון דער רעגירונג געהט אַוועק אין רוסלאַנד אַ סך מעהר געלד ווי אין אַנדערע מלוכות; פערקעהרט, אויף בילדונג, אויף פערקעהרס-מיטלען און אַנדערע פאָלקס-בעדערפניסען געהט אַוועק אין רוסלאַנד אַ סך ווענינער געלד, ווי אין אַנדערע מלוכות.

## II. דיִ הוצאות אויף דיִ אַרמעע און פלאָט אין רוסלאַנד און אין אַנדערע מלוכות.

1) דעם וואוקס פון דיִ הוצאות אויף דיִ אַרמעע און פלאָט אין רוסלאַנד פאַר דיִ לעצטע צייט שטעלט אונז פאָר דיִ פאָלגענדע טאַבעלע:

| | |
|---|---|
| אין 1837 האָבען דיִ הוצאות אויפ'ן מיליטער בעטראָפען | 51,967,000 |
| 1847 . . . . . | 74,277,000 |
| 1857 . . . . . | 101,848,000 |
| 1867 . . . . . | 127,250,000 |
| 1877 . . . . . | 190,087,000 |

| | |
|---|---|
| 1887 | 211,842,000 |
| 1897 | 293,790,000 |
| 1906 | 374,855,969 |

פֿאַר 70 יאָהר, אַלזאָ, האָבען זיך די געװעהנליכע הוצאות אויף די אַרמעע פֿערגרעסערט כמעט אין 7½ מאָל, אָבּ־נעהמענדיג יעדען יאָהר אַנ׳אונגעהויערע סומע געלד, שוין ניט רעכע־נענדיג דאָס, וואָס הונדערטער טויזענדער מענשען ווערען אָבּגעריסען פֿון זייער טעגליכער אַרבּייט.

2) אויב מיר זאָלען פֿערגלייכען די געװעהנליכע הוצאות אויף די אַרמעע אין רוסלאַנד און אין אַנדערע מלוכות, װעלען מיר בּעקומען די פֿאָלגענדע טאַבּעלע, וואו עס זענען אָנגעגעבּען געוואָרען די ציפֿער פֿאַר דעם 1897 יאָהר:

אין 1897 האָבּען די הוצאות אויף די אַרמעע בּעטראָפֿען

| | |
|---|---|
| אין רוסלאַנד | 290,790,000 |
| אין דייטשלאַנד | 290,955,000 |
| אין פֿראַנקרייך | 236,515,000 |
| אין ענגלאַנד | 229,515,000 |
| אין עסטרייך־אונגאַרן | 169,469,000 |
| אין איטאַליען | 91,181,000 |

לויט איהרע הוצאות אויף די אַרמעע פֿערנעהמט רוסלאַנד דעם ערשטען אָרט צווישען אַלע גרוי־סע מלוכות.

3) דעם וואוקס פֿון די הוצאות אויף דעם פֿלאָט אין רוסלאַנד שטעלט אונז פֿאָר די פֿאָלגענדע טאַבּעלע:

| | |
|---|---|
| אין 1837 האָבּען די געװעהנליכע הוצאות אויף דעם פֿלאָט בּעטראָפֿען | 10,869,000 |
| 1847 | 14,689,000 |
| 1857 | 20,427,000 |
| 1867 | 18,183,000 |
| 1877 | 28,102,000 |
| 1887 | 39,959,000 |
| 1897 | 85,274,000 |
| 1906 | 104,079,406 |

פֿאַר די לעצטע 70 יאָהר אַלזאָ, האָבּען זיך די געװעהנליכע הוצאות אויף דעם פֿלאָט פֿערגרעסערט כמעט אין 10 מאָל.

4) אויב מיר זאָלען פֿערגלייַכען די געוועהנליכע הוצאות אויף דעם פֿלאָט אין רוסלאַנד און אין אַנדערע מלוכות, וועלען מיר בע־קומען די פֿאָלגענדע טאַבעלע, אין וועלכער די ציפֿערן זענען גענו־מען פֿאַר דעם יאָהר 1897:

אין 1897 האָבען די געוועהנליכע הוצאות אויף דעם פֿלאָט בעטראָפֿען

| | |
|---|---|
| אין רוסלאַנד | 85,274,000 |
| אין ענגלאַנד | 206,370,000 |
| אין פֿראַנקרייַך | 99,329,000 |
| פֿעראייניגטע שטאַאַטען | 77,702,000 |
| אין דייַטשלאַנד | 38,817,000 |
| אין איטאַליען | 36,173,000 |
| אין עסטרייַך־אונגאַרן | 13,201,000 |

פֿון אַלע גרויסע מלוכות האָט רוסלאַנד לויט איהרע הוצאות אויף דעם פֿלאָט פֿערנומען דעם דריטען אָרט, און אויב מען זאָל ניט רעכענען ענגלאַנד, וועלכע געפֿינט זיך אין אַנ׳אויסנאַהמס־לאַגע, ווייל זי איז אַרומגערינגעלט מיט וואַסערען, וועט רוסלאַנד פֿערנעהמען דעם צווייטען אָרט.

5) אויסער די געוועהנליכע הוצאות אויף די אַרמעע און פֿלאָט, וועלכע נעהמען אָב יעהרליך פֿון 25 ביז 30% פֿון דעם גאַנ־צען בּיודזשעט, ווערט אויף דעם מיליטאַריזם פֿערווענדט נאָך זעהר פֿיעל עקסטראַ הוצאות. פֿון 4,717 מיליאָן רובל עקסטראַ־הוצאות, וועלכע די רעגירונג האָט אויסגעגעבען פֿון 1862 ביז 1897 יאָהר, איז פֿערברויכט געוואָרען דירעקט אויף קריעגס־בעדערפֿניסען 1,107 מיליאָן רובל, דאָס הייסט 23,5% פֿון אַלע אויסערגעוועהנליכע הוצאות. אויסער דעם פֿון די 1,880 מיליאָן רובל, וואָס זענען אויס־געגעבען געוואָרען אויף דורכציפֿיהרען אייזענבאַהנען און בויען האַפֿענס, פֿאַלט אויך אַ גרויסער טייל אויף דעם חשבון פֿון מיליטאַריזם, ווייל דער גרעסטער טייל אייזענבאַהנען און האַפֿענס האָבען זיך געבויט צוליעב קריעגס־צוועקען. מען קען דעריבער ניט מגזם זייענדיג זאָגען, דאָס דער מיליטאַריזם האָט אָבגענומען אַ העלפֿט פֿון אַלע אויסעראָרדענטליכע הוצאות.

## III. די הוצאות אויף מלוכה־חובות אין רוסלאַנד און אין אַנדערע מלוכות.

1) דעם וואוקס פֿון די הוצאות אויף צו צאָהלען פּראָצענטען און צו דעקען די מלוכה־חובות פֿאַר די לעצטע 70 יאָהר קענען מיר

זעֶהעֶן פֿוּן דעֶר פֿאָלגעֶנדעֶר טאַבּעֶלעֶ:

| | |
|---|---|
| אִין 1837 האָבּעֶן דִי הוֹצאוֹת צוּ דעֶקעֶן דִי מלוּכה־חוֹבוֹת בּעֶטראָפֿעֶן | 23,483,661 |
| 1847 | 33,553,156 |
| 1857 | 62,915,857 |
| 1867 | 99,485,769 |
| 1877 | 158,683,258 |
| 1887 | 269,887,883 |
| 1897 | 258,558,316 |
| 1906 | 334,729,871 |

פֿאַר דִי לעֶצטעֶ 70 יאָהר האָבּעֶן זִיךְ, צוּלִיעֶב דעֶם וואוּקס פֿוּן דִי מלוּכה־חוֹבוֹת אוּן אוֹיךְ דִי פּראָצעֶנטעֶן, וואָס ווערעֶן פֿאַר זֵיי געֶצאָהלט, דִי צאָהלוּנגעֶן אוֹיף דִי מלוּכה־חוֹבוֹת פֿעֶרגרעֶסעֶרט אִין $14\,^1/_3$ מאָל.

2) אִין 1850 יאָהר האָט דִי רוּסִישעֶ מלוּכה געֶצאָהלט דוּרכשנִיטלִיךְ אוֹיף דִי אִינעֶרלִיכעֶ הלוואוֹת $5{,}_{34}$ % אוּן אוֹיף דִי אוֹיסעֶרלִיכעֶ $6{,}_{75}$. אִין 1887 יאָהר האָט דִי רוּסִישעֶ מלוּכה געֶצאָהלט אוֹיף אִיהרעֶ הלוואוֹת דוּרשנִיטלִיךְ $4{,}_{70}$ %. אִין 1897 יאָהר אִיז דִי גרוֹיס פֿוּן דעֶם דוּרכשנִיטלִיכעֶן פּראָצעֶנט געֶפֿאַלעֶן בִּיז $3{,}_8$ %. אִין מִיטעֶן פֿוּן דִי 90־טעֶר יאָהרעֶן האָט ענגלאַנד אוֹיף אִיהרעֶ הלוואוֹת געֶצאָהלט $2\frac{1}{2}$ %, פֿראַנקרייךְ $3{,}_1$ %, דייטשלאַנד $3{,}_0$ %. אִין 1904 יאָהר, גלייךְ נאָךְ דעֶם, ווִי עֶס אִיז עֶרקלעֶהרט געֶוואָרעֶן דִי מלחמה, אִיז דִי עֶרשטעֶ הלוואה געֶמאַכט געֶוואָרעֶן אוֹיף $5\,^1/_3$; דִי צווייטעֶ הלוואה פֿוּן 1904 יאָהר אִיז געֶוועֶן געֶשלאָסעֶן שוֹין אוֹיף 6 %, אוּן דִי לעֶצטעֶ הלוואה, וואָס אִיז געֶמאַכט געֶוואָרעֶן שוֹין אִין1906 יאָהר נִיט לאַנג פֿאַר דעֶם צוּזאַמעֶנרוּפֿעֶן דִי דוּמעֶ, האָט שוֹין געֶקאָסט רוּסלאַנד העֶכעֶר ווִי 7 %.

## IV. דִי הוֹצאוֹת אוֹיף דאָס אוֹיסהאַלטעֶן דעֶם קֵייזעֶרלִיכעֶן הוֹיף אִין רוּסלאַנד אוּן אִין אַנדעֶרעֶ מלוּכוֹת.

1) דִי הוֹצאוֹת פֿוּן דעֶם מִינִיסטעֶריוּם פֿוּן קֵייזעֶרלִיכעֶן הוֹיף פֿאַר דִי לעֶצטעֶ 70 יאָהר דרִיקעֶן זִיךְ אוֹיס אוֹיף דעֶם פֿאָלגעֶנדעֶן אוֹפֿן:

| | |
|---|---|
| אִין 1837 האָבּעֶן דִי הוֹצאוֹת אוֹיף אוֹיסהאַלטעֶן דעֶם קֵייזעֶרלִיכעֶן הוֹיף בּעֶטראָפֿעֶן | 6,782,900 |

| | |
|---|---|
| 1847 | 9,321,200 |
| 1857 | 11,653,600 |
| 1867 | 10,933,500 |
| 1877 | 9,479,000 |
| 1887 | 10,560,000 |
| 1897 | 12,967,800 |
| 1906 | 16,359,595 |

פֿאַר די לעצטע 70 יאָהר האָבען זיך די הוצאות אויף אויסהאַלטען דעם קייזערליכען הויף פֿערגרעסערט אין צוויי מיט אַ האַלב מאָל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אויסער די מלוכה־געלד איז אויף די זעלבע צוועקען פֿערוועגדעט געוואָרען נאָך זעהר גרויסע סומען אויך פֿון אַנדערע קוועלען.

2) אויב מען זאָל פֿערגלייכען די הוצאות אויף אויסהאַלטען דעם קייזערליכען הויף אין רוסלאַנד מיט די הוצאות אויף אויס־האַלטען די קייזערליכע הויפֿען אין די אַנדערע מלוכות און די פּרעזידענטען פֿון די רעפּובליקען (ציוויל־ליסטען), וועט זיך בעקומען די פֿאָלגענדע טאַבעלע, וואו עס ווערען גענומען די ציפֿער פֿאַר דעם 1905=טען יאָהר:

די הוצאות אויף אויסהאַלטען דעם קייזערליכען הויף פֿאַר 1905=טען יאָהר האָט בעטראָפֿען

| | |
|---|---|
| אין רוסלאַנד | 32,500,000 מאַרק |
| אין עסטרייך־אונגאַרן | 15,810,000 מאַרק |
| אין פּרייסען | 15,716,000 מאַרק |
| אין איטאַליען | 12,190,000 מאַרק |
| אין ענגלאַנד | 11,865,000 מאַרק |
| דעם פּרעזידענט אין פֿראַנקרייך | 1,800,000 מאַרק |
| אין די צפון־אַמעריקאַנישע פֿעראייניגטע שטאַאַטען | 800,000 מאַרק |

דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבען, דאָס אין ענגלאַנד האָבען די קעניגען צוליעב דער ציוויל־ליסטע זיך אָבגעזאָגט פֿון די הכנסות, וואָס טראָגען אַריין די קייזערליכע גיטער, און די דאָזיגע הכנסות געהען אַריין אין מלוכה־קאַסע. דאָס זעלבע איז אויך אין עסטרייך־אונגאַרן און פּרייסען. דער דייטשער קייזער בעקומט גאָר ניט אַלס קיסר פֿון דייטשלאַנד; ער בענוגענט זיך מיט הכנסות, וואָס ער האָט אַלס קעניג פֿון פּרייסען. לויט די גרויס הוצאות אויף אויסהאַלטען דעם קייזערליכען הויף פֿערנעהמט רוסלאַנד דעם ערשטען אָרט צווישען די אויסלענ־דישע מלוכות.

## V. די גיטער און פֿערמעגענס פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע אין רוסלאַנד.

1) אויסער די סומען, וואָס ווערען אַסיגנירט פֿון דער מלוכה־קאַסע, האָבען נאָך די מיטגלידער פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע: 1) פּערזענליכע מיטלען און 2) איינטראָג פֿון די אודיעלנע גיטער, ד. ה. פֿון די, וואָס געהערען דער גאַנצער קייזערליכער פֿאַמיליע. אויסערדעם זענען נאָך דאָ איינטראָגען און פֿערמעגענס, וואָס געהערען דער פּערזאָן פֿון קיסר גופֿא: די פֿערמעגענס און איינטראָגען פֿון דעם קאַבינעט פֿון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט.

2) די לאַנד־גיטער פֿון דעם קאַבינעט פֿון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט געפֿינען זיך הויפּטזעכליך אין סיביר אויף אַ סומע פֿון 42,500,000 דעסיאַטין און נעהמען אַרום אַלטאַיער און נערטשינער געגענד מיט די רייכע גאָלד־גרובען. אויסער דעם געהערען נאָך צום קאַבינעט איינינע גרויסע מאַיאָנטקעס (ווי ליוואַדיע אין קרים און אַנדערע).

3) „די פּערזאָנען, וועלכע קענען לויט זייער געבורט ירשנ'ען דעם טראָהן", בעקומען געהאַלט פֿון די מלוכה־סומען; די איבריגע מיטגלידער פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע בעקומען געהאַלט פֿון די אודיעלנע איינטראָגען און קאַפּיטאַלען. דערבײַ גיט זיך אַרויס פֿון די דאָזיגע סומען אַ יעהרליכער געהאַלט, ספּעציעלע סומען און בעזונדערע געשענקען. צום בײַשפּיעל, פֿאַר דעם קייזערס קינדער ווערט אַרויסגעגעבען יעהרליך, אָנהויבענדיג פֿון זייער געבאָרענס־טאָג אָן ביז זיי ווערען מינדיג, צו 33,000 רובל און ווען זיי ווערען מינדיג בעקומט יעדער זוהן אויף אײַנאָרדנען אַ וואָהנונג צו 1 מיליאָן רובל.

4) די אודיעלען האָט אײַנגעפֿיהרט פּאַוועל דער 1־טער אין 1795 יאָהר; דאַן איז אויף די אויסהאַלטונג פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע בעשטימט געוואָרען אונבעוועגליכע פֿערמעגענס מיט 476,000 לײַבאייגענע און ספּעציעלע קאַפּיטאַלען. צו דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל איז נאָך צוגעגעבען געוואָרען 48,659,000 רובל פֿאַר די בעפֿרײַאונג פֿון די אודיעלנע לײַבאייגענע פּויערים. אין 1796 יאָהר האָבען די איינטראָגען פֿון די אודיעלנע גיטער בעטראָפֿען 2,238,070 און אין 1896־טען יאָהר האָבען די איינטראָגען דערגרייכט ביז 20,000,000 רובל.

5) אין 1810 יאָהר, ווען דאָס קייזערליכע הויז איז בעשטאַנען פֿון 5 מיטגלידער, וואָס האָבען בעקומען זייער געהאַלט פֿון די אודיעלנע סומען, האָט דער אַלגעמיינער ציפֿער פֿון די הוצאות דער־

גרייכט ביז 385,000 ר.
אין 1840 ביי 16 מיטגליעדער פֿון דעם קייזערל. הויף 1,413,000 ר.
1860 . 23 . . . . 3,324,000 ר.
1880 . 35 . . . . 4,887,000 ר.
1896 . 46 . . . . 5,161,000 ר.

פֿאַר דעם משך פֿון 100 יאָהר (1797–1897) איז פֿון דעם אודיעלנעם פֿערמעגען אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף אויסהאַלטען די מיטגליעדער פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע העכער 236 מיליאָן רובל; אין דיזער סומע געהען אַריין: יעהרליכע געהאַלט פֿאַר איינציגע מיטג. 138,637,000
אויף בויען פּאַלאַצען, זייער איינאָרדנען, צופּוצען א. ז. וו. 55,000,000
אויף געשענקען און ספּעציעלע אונטערשטיצונגען 242,000,000
הוצאות אויף רייזען און פֿעלד־צוגען 7,764,000
אויף די אודיעלנע פּאַלאַצען 10,646,000

פֿון דער גאַנצער סומע 236,800,000 רובל זענען נאָר 87,070,000 ר. אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף דעם גרונד פֿון די „געזעצען וועגען דער קייזערליכער פֿאַמיליע" און מעהר ווי 149,000,000 זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען לויט בעזונדערע אַלערהעכסטע בעפֿעהלען.

6) אין יאָהר 1896 האָבען די אודיעלנע ערד פֿערמעגען 7,900,000 דיעסיאַטין און פֿון דעם שטח זענען 5,720,000 דיעסיאַטין געווען וואַלד. אין דעם זעלבען יאָהר האָט זיך העכער ווי 2,000,000 דיעסיאַטין געפֿונען אין אַרענדע און אויף די איבריגע ערד האָט זיך געפֿיהרט טיילווייז אַ זעלבסטשטענדיגע ווירטשאַפֿט, טיילווייז זענען זיי אָבגעגעבען געוואָרען אויף צינז. אין דער רשימה פֿון די פֿערמעגענס, וועלכע האָבען אין יאָהר 1896 געבראַכט צינזען, געפֿינען מיר: 1500 מיהלען, 1000 פֿיש־פֿאַנגערייען, 10,000 לאַנד־גיטער און גערטנער, 850 האַנדעלס־געשעפֿטען, 100 האָפֿענס, 100 פֿאַבריקען און זאַוואָדען, 100 בערג־גרובען און ז. וו. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען די איינטראָגען פֿון דער וואַלד־ווירטשאַפֿט בעטראָפֿען 5,178,000 רובל. אויסער דעם האָבען זיך אין די אודיעלען געפֿונען נאָך איי‑ניגע אינדוסטריע־אונטערנעהמונגען, זעג־מיהלען, אַ שלייף־פֿאַבריק, אַ צוקער־פֿאַבריק. טהיי־פּלאַנטאַציעס און וויינגערטנער.

דער אומזאַץ פֿון דעם וויינפּערקויף האָט פֿאַר דעם 1896 יאָהר דערגרייכט ביז 2,000,000 פֿלאַשען ווייז אויף אַ סומע פֿון 1,500,000 רובל. דערביי בעטרעפֿט דער ריינער ריוח 5% אויף דעם קאַפּיטאַל פֿון 7 מיליאָן רובל, וואָס איז דערין אַריינגעלעגט.

## VI. די הוצאות אויף פאָלקס-בילדונג אין רוסלאַנד און אין אַנדערע מלוכות.

1) די הוצאות פון דעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג פאַר די לעצטע 70 יאָהר דריקען זיך אויס אויף דעם פאָלגענדען אופן:

| | |
|---|---|
| אין 1837 יאָהר האָבען די הוצאות פון דעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג בעטראָפען | 2,304,720 ר. |
| 1847 | 2,829,724 ר. |
| 1857 | 2,946,890 ר. |
| 1867 | 7,036,952 ר. |
| 1877 | 15,660,762 ר. |
| 1887 | 20,744,848 ר. |
| 1897 | 26,475,867 ר. |
| 1906 | 44,121,888 ר. |

פאַר די לעצטע 70 יאָהר האָבען זיך די הוצאות פון דעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג פערגרעסערט כמעט אין 22 מאָל, נאָר די דאָזיגע פערגרעסערונג איז נעגאַנגען הויפטזעכליך אויף אוניווערזיטעטען, העכערע און מיטעלע לעהר-אַנשטאַלטען און ניט אויף די עלעמענטאַרע אמת'ע פאָלקס-שולען.

2) די אויספיהרליכע רשימה פון די הוצאות פון מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג דריקט זיך אויס אויף דעם פאָלגענדען אופן:

| | | |
|---|---|---|
| 1. די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע און פערוואַלטונג איבער די לעהר-בעצירקען | 1,292,962 ר. | 2,9 % |
| 2. די אוניווערזיטעטען | 4,898,479 ר. | 11,0 % |
| 3. גימנאַזיעס, פראָג., רעאַל-ש. א. ז. וו. | 11,577,166 ר. | 26,0 % |
| 4. שטאָדטישע, דאָרפישע, עלעמענטאַרע און פאָלקס-שולען | 13,519,323 ר. | 30,6 % |
| 5. לעהרער-אינסטיטוטען, סעמינאַריעס | 1,661,732 ר. | 3,8 % |
| 6. ספּעציעלע לעהר-אַנשטאַלטען | 2,212,670 ר. | 5,0 % |
| 7. אויף פערגרעסערען דאָס געהאַלט פון דעם פערסאָנאַל אין די לעהר-אַנשטאַלטען | 2,200,000 ר. | 4,9 % |
| 8. וויסענשאַפטליכע אַנשטאַלטען | 1,423,306 ר. | 3,2 % |

9. אויף אונטערשטיצונג די געלעהרטע און

| | | |
|---|---|---|
| אויף די פערפערטיגונג פון פראָפעסאָרען | 1,951,499 ר. | $4,_4$ % |
| 10. הוצאות אויף געביידעס און אַנדערע | 3,384,751 ר. | $8,_2$ % |
| סך-הכל | 44,121,888 ר. | 100 % |

נאָר איין דריטעל פון אַלע הוצאות פון דעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג געהט אויף אמתע פאָלקס-שוהלען, דאָס איבריגע געהט אויף די מיטעלע און העכערע בילדונג, צו וועלכע דאָס אָרעמע פאָלק קען ניט צוקומען.

3) אין 1899 יאָהר האָט מען פערווענדט אויף אַלע פאָלקס-שוהלען, וואָס געפינען זיך אונטער'ן רשות פון דעם פאָלקס-בילדונג-מיניסטעריום און דעם הייליגען סינאָד, — 25,041,340 רובל; פון דער דאָזיגער סומע זענען העכער ווי 20 מיליאָן אָדער 82 % פון דיזע הוצאות אַריינגעטראָגען געוואָרען פון אונזערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען (די זעמסטוועס, די שטעדט, די פויערשע, מיעשטשאַנסקע און אידישע קהילות)' אַנ׳ערך 14 % ניט די מלוכה, אַנ׳ערך 2 % די קירכע און קירכען-איינריכטונגען.

4) אין ענגלאַנד בילדען די הוצאות פון דער-מלוכה אויף פאָלקס-בילדונג כמעט 10 % פון דעם גאַנצען ביודזשעט; אין פראַנקרייך — $6,_4$ %; אין פרייסען אַנ׳ערך 6 %; אין עסטרייך $2,_8$ %; אין איטאַליען $2,_5$ %, און אין רוסלאַנד נאָר 2 % פון דעם גאַנצען מלוכה-ביודזשעט.

5) די אָבגעשטאַנענקייט פון רוסלאַנד שטעלט זיך נאָך דייטליכער אַרויס, ווען מיר פערגלייכען די גרויס פון הוצאה פון דעם פאָלקס-בילדונג-מיניסטעריום דורכשניטליך אויף יעדע פערזאָן פון דער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד און אין מעריב-אייראָפּאַ אין 1897 י. אין ענגלאַנד קומט אויס אויף דאָס מיניסטעריום פון פאָלקס-בילדונג צו 2 ר. 84 ק. אויף יעדע פערזאָן

| | |
|---|---|
| פראַנקרייך | 2 ר. 11 ק. . . . . . |
| פרייסען | 1 ר. 89 ק. . . . . . |
| עסטרייך | 0 ר. 64 ק. . . . . . |
| אונגאַרן | 0 ר. 55 ק. . . . . . |
| רוסלאַנד | 0 ר. 21 ק. . . . . . |

## VII. די אידישע אָבצאָהלונגען און שטייערן.

1) אויסער די אַלגעמיינע אָבצאָהלונגען און שטייערן, וועלכע די אידען צאָהלען ווי אַלע איבריגע רוסישע אונטערטהאַנען, לענט

דיִ רוּסיִשֶׁע רעֶגיִרוּנג אַרוּיף אוֹיף איִדעֶן שטעֶנדיִג נאָך בּעֶזוּנדעֶרעֶ איִבּעֶריִגעֶ שטײַעֶרן. איִן 1794 יאָהר איִז בּעֶשטיִמט געֶוואָרעֶן, דאָס דיִ איִדעֶן זעֶנעֶן מחויב צוּ צאָהלעֶן פאַר דאָס רעֶכט צוּ פאַרנעֶהמעֶן זיִך מיִט געֶווערבּעֶן איִן צווייעֶן מעֶהר, ווי דיִ קריִסטעֶן. אָט דיִ דאָזיִגעֶ דאָפּעֶלטעֶ אָבּצאָהלוּנג, וועֶלכעֶ ס'האָבּעֶן געֶמוּזט צאָהלעֶן אוֹיך דיִ פרוֹיעֶנציִמעֶר, האָט עֶקזיִסטיִרט העֶכעֶר 20 יאָהר און איִז אָבּגעֶשאַפט געֶוואָרעֶן איִן 1817 יאָהר.

2) דיִ אָבּצאָהלוּנגעֶן פוּן דיִ איִדיִשׁעֶ דרוּקעֶרײַעֶן. איִן 1845 יאָהר איִז דאָס דרוּקעֶן פוּן איִדיִשׁעֶ בּיִכעֶר געֶוועֶן קאָנצעֶנטריִרט נאָר איִן 2 איִדיִשׁעֶ דרוּקעֶרײַעֶן, וועֶלכעֶ דאָס בּיִלדוּנגס־מיִניִסטעֶריוּם פלעֶגט אָבּגעֶבּעֶן איִן פאַכט. דאָס פאַכט־געֶלד האָט געֶדאַרפט פעֶרבּרוֹיכט ווערעֶן אוֹיף דיִ איִדיִשׁעֶ לעֶהר־אַנשטאַלטעֶן. אַזוֹי אָבּעֶר ווי צוּליִעב דעֶם פאַכט זעֶנעֶן איִדיִשׁעֶ בּיִכעֶר געֶוואָרעֶן זעֶהר טײַעֶר, האָט מעֶן איִן 1862 יאָהר עֶרלוֹיבּט איִדעֶן צוּ עֶפעֶנעֶן אָהן מניעות דרוּקעֶרײַעֶן אוֹיף צוּ דרוּקעֶן איִדיִשׁעֶ בּיִכעֶר, און כּדי צוּ דעֶקעֶן דיִ הכנסה, וואָס ס'האָט זיִך פריִהעֶר בּעֶקוּמעֶן פוּן דיִ איִדיִשׁעֶ דרוּקעֶרײַעֶן, איִז בּעֶשטיִמט געֶוואָרעֶן אַן אָבּצאָהלוּנג 20 רוּבּל אַ יאָהר פוּן יעֶדעֶר האַנד־מאַשיִן, 120 רוּבּל פוּן קלייִנעֶ שנעֶלדרוּק־מאַשיִנעֶן, 240 רוּבּל אַ יאָהר פוּן גרוֹיסעֶ מאַשיִנעֶן.

3) איִן 1844 יאָהר איִז געֶוועֶן בּעֶשטיִמט דיִ ליִכט־אָבּצאָהלוּנג, דאָס הייִסט דיִ אָבּצאָהלוּנג פוּן דיִ ליִכט, וואָס דיִ איִדיִשׁעֶ פרוֹיעֶן ציִנדעֶן אָן עֶרב שבּת און עֶרב ימי־טובים, דיִ דאָזיִגעֶ אָבּצאָהלוּנג איִז געֶוועֶן בּעֶשטיִמט אוֹיף אוֹיסצוּהאַלטעֶן און גריִנדעֶן איִדיִשׁעֶ לעֶהר־שוּהלעֶן. איִן אָנפאַנג פלעֶגט דיִ דאָזיִגעֶ אָבּצאָהלוּנג אוֹיך אָבּגעֶגעֶבּעֶן ווערעֶן איִן פאַכט, נאָר אַזוֹי ווי עֶס פלעֶגט דעֶרבּײַ פאָרקוּמעֶן גרוֹיסעֶ שוויִנדלעֶרײַעֶן, ווערט איִצט יעֶהרליִך בּעֶשטיִמט דיִ געֶמייִנזאַמעֶ סוּמעֶ פוּן ליִכט־אָבּצאָהלוּנגעֶן, וואָס דיִ איִדעֶן זעֶנעֶן מחויב צוּ געֶבּעֶן און דיִ איִדיִשׁעֶ קהלות טייִלעֶן שוֹין דעֶרנאָך אַלייִן פאַנאַנדעֶר און בּעֶשטיִמעֶן וויִפיִעל יעֶדעֶר מיִטגליִעד פוּן דעֶר קהילה דאַרף צאָהלעֶן. דיִ דאָזיִגעֶ סוּמעֶ האָט בּעֶטראָפעֶן פוּן 1851 יאָהר אָן, יעֶהרליִך 230,000 רוּבּל און לוֹיט דיִ אָפיִציִעֶלעֶ בּעֶריִכטעֶן איִז פאַר דעֶם משך צײַט פוּן 1863 בּיִז 1878 יאָהר אַרײַנגעֶטראָגעֶן געֶוואָרעֶן ליִכט־אָבּצאָהלוּנגעֶן 4,188,721 רוּבּל 54 קאָפּ. איִצט איִז דיִ סוּמעֶ שוֹין געֶוועֶן העֶכעֶר ווי 10 מיִליִאָן רוּבּל.

4) איִן 1839 יאָהר האָט דיִ רעֶגיִרוּנג געֶזעֶצליִך בּעֶשטעֶטיִגט דיִ אָבּצאָהלוּנג, וואָס האָט שוֹין פוּן לאַנג אָן עֶקזיִסטיִרט בּײַ איִדעֶן — דיִ קאָראָבּקעֶ־אָבּצאָהלוּנג. דיִ דאָזיִגעֶ אָבּצאָהלוּנגעֶן ווערעֶן

גענומען: 1) פֿאַר שלאַכטען די בהמות אויף כשר (דאָס הייסט פֿון יעדער בהמה), 2) פֿאַר שלאַכטען עופֿות אויף כשר (פֿון יעדען עוף) און 3) פֿאַר פֿערקויפֿען די כשר'ע פֿלייש (פֿון יעדען פֿונט).

5) וועגען דעם, ווי גרויס איז די גאַנצע סומע פֿון די קאָראָבקע-אָבצאָהלונגען פֿון אַלע אידען איז ניטאָ קיין גענויע ידיעות; ס'זענען דאָ נאָר ידיעות וועגען די סומען פֿון קאָראָבקע-אָבצאָהלונגען אין בעזונדערע שטעדט:

| | | |
|---|---|---|
| אין 1876 | האָט די קאָראָבקע-אָבצ. אין ווילנאָ בעטראָפֿען | 54,000 ר. |
| 1889 | . . . . . | 127,187 ר. |
| 1906 | . . . . . | 147,908 ר. |
| 1883 | . . . אָדעס . | 161,137 ר. |
| 1886 | . . . . . | 175,320 ר. |
| 1898 | . . . . . | 212,485 ר. |
| 1904 | . . . . . | 292,786 ר. |

## VIII. ווי אַזוי איז ענטשטאַנען דער מלוכה-חוב פֿון רוסלאַנד און ווי אַזוי איז ער אויסגעוואַקסען אין פֿערלויף פֿון די לעצטע 100 יאָהרען?

1) אין פֿערלויף פֿון אַ לאַנגען משך יאָהרען איז די פֿינאַנץ-סיסטעם פֿון רוסלאַנד געווען אויף אַזויפֿיעל שלעכט, דאָס כמעט יעדען יאָהר האָבען די געוועהנליכע הוצאות אַריבערגעשטיגען די געוועהנליכע הכנסות און דער ביודזשעט פֿלעגט כמעט יעהרליך געשלאָסען ווערען מיט אַ דעפֿיציט.

און ווען די מלוכה פֿלעגט פֿיהרען אַ מלחמה — און אין XVIII און אין די ערשטע העלפֿט פֿון דעם XIX יאָהרהונדערט פֿלעגט דאָס פֿאָרקומען אָפֿט — אָדער ווען זי פֿלעגט פֿאָרנעהמען וועלכע ניט איז גרויסע אונטערנעהמונגען (בויען פֿעסטונגען אויף דער יבשה און אויפ'ן ים, בויען און קויפֿען אייזענבאַהנען) האָט מען דערויף זיך גענויטיגט נאָך אין גרעסערע אויסערגעוועהנליכע הוצאות און דער דעפֿיציט איז געוואַקסען אַלץ מעהר. כדי צו דעקען דעם דעפֿיציט פֿלעגט די רעגירונג זיך ווענדען צו הלואות ווי אין רוסלאַנד גופֿא (אינערליכער קרעדיט)

אַזוֹי אוֹיךְ אִין אוֹיסלאַנד (אוֹיסעֶרלִיכֶער קרעֶדִיט) אוּן אוֹיף אַזאַ אוֹפֶן אִיז עֶנטשטאַנעֶן דעֶר מלוּכה־חוֹב, ווֶעלכֶער אִיז וואָס ווײַטעֶר אַלץ מעֶהר אוּן מעֶהר געֶוואַקסעֶן.

2) ווִי דעֶר מלוּכה־חוֹב האָט זִיךְ עֶנטווִיקעֶלט פאַר דִי לעֶצטעֶ הוּנדעֶרט יאָהר, ווײַזט אוּנז דִי פאָלגעֶנדעֶ טאַבעֶלעֶ:

| | |
|---|---|
| אִין 1817 האָט דעֶר מלוּכה־חוֹב בּעֶטראָפֶעֶן — | 514,061,689 ר. |
| 1823 . . . . . | 1,345,000,000 ר. |
| 1843 . . . . . | 2,049,500,000 ר. |
| 1867 . . . . . | 2,254,359,967 ר. |
| 1876 . . . . . | 2,366,047,709 ר. |
| 1881 . . . . . | 4,698,500,000 ר. |
| 1886 . . . . . | 5,250,000,000 ר. |
| 1895 . . . . . | 5,589,000,000 ר. |
| 1902 . . . . . | 6,497,300,000 ר. |
| 1904 . . . . . | 6,600,000,000 ר. |

## IX. אוֹיף ווִיפִיעל האָט זִיךְ פעֶרגרעֶסעֶרט דעֶר מלוּכה־חוֹב פוּן רוּסלאַנד צוּלִיעב דעֶר מלחמה מִיט יאַפּאַן אִין 1905־1904 יאָהרעֶן?

גלײַךְ נאָךְ דעֶם ווִי ס'אִיז עֶרקלעֶהרט געֶוואָרעֶן דִי מלחמה, האָט דאָס פִינאַנץ־מִינִיסטעֶריוּם זִיךְ געֶנוּמעֶן צוּם אִיבּעֶרזעֶהעֶן דִי רשימה פוּן דִי הוֹצאוֹת אוֹיף דעֶם 1904 יאָהר מִיט דעֶם צוועֶק ווִי מעֶגלִיךְ זײַ צוּ פעֶרקִירצעֶן. צוּזאַמעֶן מִיט דִי אִיבּעֶרגעֶבּלִיבּעֶנעֶ אוּנפעֶרבּרוֹיכטעֶס באַרעֶס געֶלד האָבּעֶן דִי דאָזִיגעֶ פעֶרקִירצוּנגעֶן געֶבִּילדעֶט אַ סוּמעֶ פוּן 300 מִילִיאָן רוּבּל. נאָר אַזאַ סוּמעֶ אִיז נאָךְ געֶווֶעֶן זעֶהר ווֶעֶנִיג אוֹיף צוּ פִיהרעֶן דִי מלחמה אוּן דעֶרִיבּעֶר האָט זִיךְ דאָס פִינאַנץ־מִינִיסטעֶריוּם געֶנוּמעֶן פאַר הלוואוֹת. דִי עֶרשטעֶ הלוואה אִיז געֶמאַכט געֶוואָרעֶן אִין פראַנקרײַךְ אוֹיף אַ סוּמעֶ פוּן 800 מִילִיאָן פראַנק. דעֶרנאָךְ אִיז געֶמאַכט געֶוואָרעֶן אַ אִינעֶרלִיכֶעֶ הלוואה אוֹיף 150 מִילִיאָן רוּבּל אוּן עֶנדעֶ יאָהר נאָךְ אַן אִינעֶרלִיכֶעֶ הלוואה אוֹיף 500 מִילִיאָן פראַנק. סךְ־הכּל אִיז אִין 1904 יאָהר געֶמאַכט געֶוואָרעֶן הלוואוֹת אוֹיף 670 מִילִיאָן רוּבּל. דעֶם קוּמעֶנדִיגעֶן יאָהר האָט מעֶן ווִיעדעֶר געֶמאַכט הלוואוֹת אוּן נאָךְ גרעֶסעֶרעֶ אוּן אִין פעֶרלוֹיף פוּן 1905 יאָהר האָט מעֶן עֶנטלִיהעֶן בִּיז אַ 1,006,800,000

רובל אויף די מלחמה מיט יאַפּאַן, אויסער דעם וואָס אויף די דאָ־זיגע מלחמה איז אויסגעקומען צו פֿערווענדען אַלע סומען, וואָס מען האָט איינגעשפּאָרט פֿון פֿערשידענע מלוכה־הוצאות. אין אויגוסט 1905 יאָהר האָט זיך די מלחמה פֿערענדיגט, נאָר אין דעם ביודזשעט אויף 1906־טען יאָהר געפֿינט זיך אַ סומע פֿון 405 מיליאָן רובל אויף צו דעקען די אויסגאַבען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער מלחמה. דערצו נאָך האָט די רעגירונג אין אָנפֿאַנג אַפּריל פֿון דיזען יאָהר, שוין מיט אַ קורצע צייט פֿאַר דעם צוזאַמענרופֿען די גאָסו־דאַרסטווענע דומע, געמאַכט אַ הלואה אויף 843,750,000 רובל און אויך הויפּטזעכליך כדי צו ליקווידירען די הוצאות אויף די מלחמה מיט יאַפּאַן. צום 1־טען מאַי 1906 יאָהר בילדעט דער מלוכה־חוב פֿון רוסלאַנד אַ סומע פֿון אַכט מיט אַ האַלב מיליאַרד רובל (8,520,000,000) דאָס הייסט אַז צוליעב דער מלחמה מיט יאַפּאַן האָט זיך דער מלוכה־חוב פֿערגרעסערט אויף אַ 1,920,000,000 רובל. העכער צוויי מיליאַרד רובל האָט געקאָסט די מלחמה מיט יאַפּאַן, שוין ניט רעכענענדיג די הונדערטער מיליאָנען, וואָס ס'האָט אָבגעקאָסט דער אומגעקומע־נער פֿלאָט און די צורואינירטע פֿעסטונגען און ניט נעהמענדיג אין אַכט די הונדערטער טויזענדער מענשליכע קרבנות פֿון דיזער אונ־גליקליכער מלחמה.

## X. דער מלוכה־חוב פֿון רוסלאַנד און פֿון אַנדערע מלוכות.

1) לויט דעם גרויס פֿון איהר מלוכה־חוב האָט רוסלאַנד אין 1897־טען יאָהר פֿערנומען דעם צוויי־טען אָרט צווישען אַלע איבריגע גרויסע מלוכות, ווי מען קען דאָס זעהען פֿון דער פֿאָלגענדער טאַבעלע, וואו ס'זענען פֿאַרגעבראַכט די חובות פֿון איינצעלנע מלוכות, אויסגעדריקט אין פֿונטען סטערלינג (אַ פֿונט סטערלינג איז אַן ערך 10 רובל):

דער מלוכה־חוב אין 1897 האָט בעטראָפֿען

| | |
|---|---|
| פֿון פֿראַנקרייך | 1,224,046,280 פֿ. סט. |
| רוסלאַנד | 670,389,100 פֿ. סט. |
| ענגלאַנד | 644,909,847 פֿ. סט. |
| דייטשלאַנד | 609,823,000 פֿ. סט. |
| עסטרייך־אונגאַרן | 606,400,000 פֿ. סט. |
| איטאַליען | 209,296,000 פֿ. סט. |

| | |
|---|---|
| שפּאַניען | 283,045,771 פּ. סט. |
| צפון־אַמעריקאַנישע פערייניגטע שטאַאַטען | 198,585,916 פּ. סט. |

לויט די ידיעות פון דעם אַמעריקאַנער סטאַטיסטיקער אַאוסטין, וועלכער ברענגט די ציפערן פון א שפּעטערדיגער צייט, האָבען די הובות פון די גרעסטע מלוכות פאַרגעשטעלט אַזא בילד:

| דער מלוכה־חוב אין 1901 יאָהר האָט בעטראָפען | |
|---|---|
| פון פראַנקרייך | 5,800,691,814 דאָלאַר |
| רוסלאַנד | 3,167,320,000 דאָלאַר |
| ענגלאַנד | 3,000,926,304 דאָלאַר |
| איטאַליען | 2,583,983,780 דאָלאַר |
| שפּאַניען | 1,727,994,620 דאָלאַר |
| עסטרייך־אונגאַרן | 1,159,791,000 דאָלאַר |
| צפון־אַמעריקאַנישע פעראייניגטע שטאַאַטען | 1,107,711,257 דאָלאַר |
| דייטשלאַנד | 557,626,622 דאָלאַר |

פון יענער צייט אָן זענען די חובות פון די אַלע אויבען־אויסגערע־כענטע מלוכות אויסגעוואַקסען זעהר וועניג; אין אַנדערע מלוכות זענען זיי זאָגאַר קלענער געוואָרען. אָבער דער מלוכה־חוב פון רוס־לאַנד האָט זיך פאַר די וועלכע צייט, צוליעב דער ניט איינגענעבע־נער מלחמה מיט יאַפּאַן, זעהר שטאַרק פערגרעסערט, און דעריבער וועט רוסלאַנד אין גיכען קענען פערנעהמען דעם ערשטען אָרט לויט דעם גרויס פון איהרע חובות (8,520,000,000 רובל אָדער 4 מיליאַרד 255 מיליאָן דאָלאַר).

## XI. ווי האָט זיך אומגעביטען דער קורס אויף די רוסישע מלוכה־רענטע?

לויט די ידיעות פון דעם אָפּיציעלען „וועסטניק פינאַנסאָוו אי פראָמישלענאָסטי“ האָט דער קורס פון דער 4% מלוכה־רענטע ביי איהר נאָמינאַלען ווערטה פון 100 רובל געהאַלטען אין דעצעמבער 1905־טען יאָהר $100,_{50}$ רובל, ענדע יאַנואַר 1904־טען יאָהר (נאָך דעם ווי ס'איז ערקלערט געוואָרען די מלחמה) $96,_{00}$ ר.

| | |
|---|---|
| אין מערץ מאָנאַט איז דער קורס געווען | $93,_{25}$ ר. |
| אַפּריל (נאָך דעם אונטערגאַנג פון „פּעטראָפּאַוולאָווסק“) | $91,_{50}$ ר. |
| דעצעמבער (נאָך דעם ווי פּאָרט־אַרטור איז געפאַלען) | $89,_{50}$ ר. |
| יאַנואַר 1905 איז דער קורס געווען | $88,_{00}$ ר. |
| מאַי (נאָך דעם געפעכט ביי צוסימאַ) | $83,_{50}$ ר. |

| | |
|---|---|
| יאַנואַר 1906 איז דער קורס געווען | 81,00 ר. |
| פעברואַר . . . . | 80,00 ר. |
| מערץ . . . . | 78,00 ר. |
| אַפּריל . . . . | 74,25 ר. |
| מאַי ) ווען די גאָסודאַרסטווענע דומע | 75,00 ר. |
| יוני ) האָט פונקציאָנירט | 75,75 ר. |
| יולי (נאָך דעם פאַנאַנדערלאָזען די דומע) | 71,50 ר. |
| אויגוסט | 69,75 ר. |

כדי אָבצושאַצען די בעדייטונג פון אַזאַ פאַלען אין קורס אויף די מלוכה רענטע דאַרף מען נעהמען אין אַכט, דאָס בעת דער קורס פאַלט אויף איין רובל, האָבען די אייגענטהימער פון דער רענטע 80 מיליאָן רובל היזק, און אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז דער היזק אויף דער רענטע האָט פאַר דער ערשטער העלפט פון היינטיגען יאָהר זיך אויסגעדריקט אין דער סומע פון 800 מיליאָן רובל.

## XII. ווי האָט זיך אומגעענדערט פאַר די לעצטע יאָהרען די סומע באַרעס גאָלד, וואָס געפינט זיך אין מלוכה-באַנק פון רוסלאַנד?

דער אויסטויש פון פאַפּיער-געלד ווערט ביי אונז גאַראַנטירט דורך די סומע באַרעס גאָלד, וואָס געפינט זיך אין מלוכה-באַנק, און דעריבער, אויב מיר ווילען וויסען אויף וויפיעל דאָס פאַפּיער-געלד איז גאַראַנטירט, איז וויכטיג צו זעהען ווי גרויס עס איז די סומע פון באַרעס גאָלד, וואָס געפינט זיך אין מלוכה-באַנק.

צום 1-טען יאַנואַר פון 1900-טען יאָהר האָט זיך לויט די אָפיציעלע בעריכטען פון מלוכה-באַנק אייגעפונען גאָלד אויף 173 % פון דער סומע פאַפּיער-געלד, דאָס הייסט אַז אויף יעדע 100 רובל פאַפּיער-געלד איז אין קאַסע פון באַנק געווען 173 רובל אין גאָלד. צום 1-טען דעצעמבער 1903-טען יאָהר איז געווען פאַפּיער-געלד אויף די סומע פון 581,000,000 רובל און גאָלד — אויף 852,742,000, דאָס הייסט אויף יעדע 100 ר. פאַפּיער-געלד איז געווען 145 רובל גאָלד. צום 1-טען יאַנואַר 1904-טען יאָהר איז געווען מעהרער גאָלד, ווי פאַפּיער-געלד אויף אַ סומע פון 323 מיליאָן רובל. צום 1-טען דעצעמבער 1904-

טען יאָהר איז געווען פּאַפּיער=געלד אויף די סומע 822,700,000 ר., און גאָלד אויף א סומע פון 1,022,186,000 רובל, דאָס הייסט די סומע גאָלד האָט איבערגעשטיגען די סומע פּאַפּיער=געלד שוין מעהר ניט אויף 139 מיט א האַלב מיליאָן רובל און אויף יעדע 100 רובל פּאַפּיער=געלד איז שוין מעהר ניט געווען ווי 123 רובל גאָלד. צום 1=טען יאנואר 1905=טען יאָהר איז שוין געווען מעהר גאָלד נאָר אויף די סומע 170 מיליאָן רובל און צום 1=טען יאנואר 1906=טען יאָהר איז געווען מעהרער שוין ניט גאָלד, נאָר פּאַפּיער=געלד, דערביי האָט די סומע פּאַפּיער=געלד איבערגעשטיגען די סומע גאָלד, וואָס פערזיכערט דעם אויסטויש פון פּאַפּיער=געלד, אויף 290 מיליאָן רובל און אויף יעדע 100 רובל פּאַפּיער=געלד קומט שוין אויס מעהר ניט הי אַנערך 95 רובל גאָלד.

## XIII. וועלכע מיטלען לעגען פאָר פערשידענע פּאַרטייען, כדי צו פערגרינגערן די שטייערן=לאַסט?

1) „די רוסישע פערזאַמלונג“ שרייבט אין איהר פּראָגראַם: „די קאַמפּפס=פערטיגקייט פון די מיליטער=קרעפטען אויף דער יבשה און אויפן ים, די בעשיצונג פון די מלוכה=גרענעצען און די קריעגס=פערקעהרס=מיטלען מוזען דערגרייכען אזא פאָלקאָמע שטופע וועלכע זאל ענטשפרעכען דער גרויסקייט פון רוסלאַנד, און דערביי דאַרף אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר דער מלוכה=בעשיצונג, געשאַפען ווערען אין לאַנד גופא מיט איהרע אייגענע מיטלען און אַרבייט פון איהר פאָלק, און די לאַסט פון דעם אויסהאַלטען די מיליטער=קרעפטען דאַרף ליגען אין גלייכען מאָס אויף די בעפעלקערונג פון דער גאַנצער מלוכה. די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק דאַרף זיין געריכטעט אויף צו בעפרייען רוסלאַנד פון דער אָבהענגיגער לאַגע אויף די אויסלענדישע בערזען און מערק און אויף צו פּראָטעזשירען דער ענטשטעהונג פון רוסישע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען און מיטווירקען דער פּראָדוקטיווער אַרבייט“.

2) דער „פעראיין פון 17=טען אָקטאָבער“ ערקלערט אין זיין פּראָגראַם: „געהמענדיג אין אַנבעטראַכט די גרויסע הוצאות, וועלכע שטעהען פאַר אין די נאָהענטסטע יאָהרען דער מלוכה=קאַסע, כדי

צו פֿערוויִרקליכען די אונפֿערמיידליכע, וויכטיגע קולטורעלע אויפֿגאַבען, און אויך כדי צו פֿערשטאַרקען דעם מלוכה=שוץ, וועלכער פֿאָדערט די איבערבויאונג פֿון אונזערע מיליטער=קרעפֿטען אויף דער יבשה און אויפֿ'ן ים — קען מען ניט האָפֿען אויף די פֿערקירצונג פֿון די הוצאות אין דער ביודזשעט=רשימה און אויף די פֿערגרינגערונג פֿון דער שטייערן=לאַסט. נאָר שוין אין די נאָהענטסטע צייטען וועט מעגליך זיין צו פֿערוויִרקליכען אַ מעהר ראַציאָנאַלע און גערעכטיגע שטייערן=סיסטעם און אַריבערטראָגען די שטייערן=לאַסט פֿון די מעהר שוואַכע אַקסלען אויף די מעהר שטאַרקע. כדי די פֿערטיילונג פֿון די אָבצאָהלונגען זאָל ענטשפּרעכען דער צאָהלונגס=פֿעהיגקייט פֿון די צאָהלער, לעגען מיר פֿאָר צו ענטוויקלען די דירעקטע שטייערן אויף דעם גרונד פֿון פּראָגרעסיווער איינטראָגס=בעשטייערונג און ביסלעכווייז פֿערקלענערען די אונדירעקטע שטייערן אויף די פּראָדוקטען פֿון דער ערשטער נויטווענדיגקייט".

3) די „פּאַרטיי פֿון פֿאָלקס=פֿרייהייט", אָדער קאָנסטיטוציאָנעל=דעמאָקראַטישע פּאַרטיי לעגט פֿאָר פֿאָלגענדע מיטלען: „איבערקוקען דעם ביודזשעט פֿון די מלוכה=הוצאות, כדי צו פֿערניכטען יענע הוצאות, וועלכע זענען, לויט זייער בעשטימונג און לויט זייער גרויס, ניט פּראָדוקטיוו און פֿערגרעסערען ענטשפּרעכענד די מלוכה=אויסגאַבען אויף די וויִרקליכע פֿאָלקס=בעדערפֿניסען. די אָבשאַפֿונג פֿון די אויסקויפֿס=אָבצאָהלונגען. די ענטוויקלונג פֿון די דירעקטע שטייערן אויף דעם חשבון פֿון די אונדירעקטע; די אַלגעמיינע פֿערקלענערונג פֿון די אונדירעקטע שטייערן און די שריטווייזע אָבשאַפֿונג פֿון די אונדירעקטע שטייערן אויף די געברויכס=פּראָדוקטען פֿון די פֿאָלקס=מאַסען; די רעפֿאָרם פֿון די דירעקטע שטייערן אויף דעם גרונד פֿון פּראָגרעסיווער אײנטראָגס= און= פֿערמעגענס=בעשטייערונג; די איינפֿיהרונג פֿון פּראָגרעסיווע שטייערן אויף ירושות. כדי צו מאַכען ביליגער די פּראָדוקטען פֿון פֿאָלקס=געברויך און כדי מיטצוויִרקען דער טעכנישער ענטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, דאַרף מען פֿערקלענערען די גרענעץ=אָבצאָהלונגען, אויף וויפֿיעל דאָס וועט ענטשפּרעכען דעם צושטאַנד פֿון די איינצעלנע אינדוסטריע=צווייגען.

4) די רוסלענדער סאָציאַל=דעמאָקראַטישע אַרבייטער=פּאַרטיי לעגט פֿאָר אין איהר פּראָגראַם די אָבשאַפֿונג פֿון דעם שטענדיגען היל און איהם פֿער=

בּײַטען דורך אַנ׳אַלגעמײַנע פֿאָלקס־בּעוואַפֿנונג, די אָבּשאַפֿונג פֿון אַלע אונדירעקטע שטײַערן און די בּעשטימונג פֿון אַ פּראָגרעסיווען שטײַער אויף הכנסות און ירושות.

5) אויף אַזאַ אופֿן לעגען פֿאָר די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטײַען מ׳זאָל פֿערגרעסערען די הוצאות אויף דעם מיליטאַריזם, בּלײַבּען בּײַ די אַלטע און אויך אַרײַנפֿיהרען נײַע גרענעץ־אָבּצאָהלונגען און אונדירעקטע שטײַערן, דאָס הײסט אַז זײ װעלען ניט פֿערגרינגערען אויף אַ האָר די שטײַערן־לאַסט פֿון אָרעמען פֿאָלק. די בּורזשואַזע פּראָגרעסיװע פּאַרטײַען לעגען פֿאָר אַ גאַנץ קלײנע בּעשרענקונג אין דעם בּיודזשעט פֿון די מלוכה־הוצאות, אַנ׳אונבּעדײַטענדע פֿערקלענערונג פֿון די אונדירעקטע שטײַערן און די גרענעץ־אָבּצאָהלונגען און אַ שריטװײַזע אײַנפֿיהרונג פֿון פּראָגרעסיװער אײַנטראָגס־שטײַער, ד. ה. זײ לעגען פֿאָר אַ גאַנץ קלײנע פֿערגרינגערונג פֿאַר דעם אָרעמען טײל פֿון פֿאָלק, ניט בּעשװערענדיג די רײַכע קלאַסען פֿון דער בּעפֿעלקערונג. נור די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ לעגט פֿאָר די פֿאָלקאָמע אָבּשאַפֿונג פֿון מיליטאַריזם, די פֿאָלקאָמע אָבּשאַפֿונג פֿון די אונדירעקטע שטײַערן און די אַרײַנפֿיהרונג פֿון אַ פּראָגרעסיװען שטײַער אויף הכנסות און ירושות, ד. ה. נאָר זי אַלײן קעמפּפֿט פֿאַר די װירקליכע אינטערעסען פֿונ׳ם אַרבּײַטער־פֿאָלק און שטרעבּט דערצו, אַז די שטײַערן־לאַסט זאָל אַריבּערגעטראָגען װערען אויף יענע, װאָס זענען אימשטאַנד זי צו טראָגען.